## שטיפֿערס

(פראַגמענט)

דער פֿאַרנאַכט איז נאָך קיינמאָל נישט געקומען
מיט אַזוי פֿיל גרינע, רויטע און ברוינע בלומען
אויפֿן בוזעם.

איינע פֿון די שוועסטער זעט דורכן פֿענצטער פֿון שפּיטאָל:

דער גרויסער הויף אין מיטן הימל איז אַצינדער
אויסברוקירט מיט מידקייט, שטילקייט און איז ווייטיקדיק און בלוי.
לויפֿן דאָרט אי טרויעריק אי פֿריילעך בלאָנדע ווייסע קינדער,
אַלע אינאיינעם טראָגן זיי גאָלדענע סנאָפּעס שטרוי.

און צינדן־אונטער,
שפּילן זיך און צינדן־אונטער.

וואונדערט זיך די שוועסטער דורך די פֿענצטער פֿון שפּיטאָל
און שמייכלט צו די הימלען: זי דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל
איז יעדעס פֿון די קינדערלעך געווען דאָ אַ פּאַציענט
און זייער שלאָף פֿלעגט ווי אַ טרער פֿאַלן אויף אירע הענט.

וואונדערט זיך די שוועסטער און אירע אויגן טרויערן טיפֿער:
"זייער לעבן האָט געשטאַלטעט אַזוי שווער און קראַנק,
זענען אַליין געווען דער ווינד און אַליין די געלע זאַנג,
און איינזאַמע און בלייכע האָבן זיי געשוויגן לאַנג,
ביז כ׳האָב „נעסטעל"־מילך, בישקאָפּטן און מאַראַנצען־זאַפּט
און בלעכענע זשאַנדאַרמען זיי פֿון דער היים געבראַכט". —
חידושט זיך די שוועסטער און אירע אויגן ברענען טיפֿער:
"זיי זענען דאָס געוואָרן אויבן !... ס׳אַראַ ווילדע שטיפֿער !
מען לאָזט זיי דאָרט אַזוי מאַכן שריפֿות אין פֿאַרנאַכט..."

גאַפֿט די יונגע שוועסטער, און אירע בויגעוודיקע גלידער
שיכור׳ן, גיסן זיך אָן מיט געוויין:
אין פֿלאַמיקן וואונדער טאַנצן אירע יונגעטשקע ברידער, -
דער אָוונט איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שיין.

דער אָוונט איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געקומען
מיט אַזוי פֿיל גרינע, רויטע און ברוינע בלומען

אויפֿן בוזעם.

---

הײַנט (וואַרשע)
27, נומ׳ 153, יולי 6, 1934, ז׳ 6